**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 87 מיליאן דאלארדיגע אפּאַרדעבעל און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין קינגסטאן**

***Golden Hill Apartments* פארוואנדלט ליידיגע געוועזענע אָלסטער קאונטי טורמע אין האוזינג**

***פולשטענדיג-עלעקטרישע דעוועלאפמענט קומט מיט סאלאר פאנעלן אויפן דאך און ענערגיע אפכאפונג סיסטעמען***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון Golden Hill Apartments, אן אפּאַרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט מיט 164 יוניטס אין די סיטי אָוו קינגסטאן. דער 87 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט – געשטיצט דורך א 10 מיליאן דאלארדיגע גרענט אין די ערשטע רונדע פון גאווערנער Hochul (האקול)'s Mid-Hudson Momentum Fund (מיד-האדסאן שוואונג קאסע) – איז געבויט אויף א 20-אקער-גרויסע שטח וואס איז בעפאר דעם געווען די אָלסטער קאונטי טורמע. די פולשטענדיג-עלעקטרישע דעוועלאפמענט איז א קאמיוניטי מיט איינוואוינער פון מערערע דורות, באדינענדיג א ברייטע רייע פון ניו יארקער, אריינרעכענענדיג פאמיליעס, עלטערע מענטשן און הויזגעזינדער וואס נויטיגן זיך אין שטיצע סערוויסעס. אין די לעצטע פינף יאר, האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) געבויט אדער פרעזערווירט מער פון 1,100 אפּאַרדעבעל היימער אריבער אָלסטער קאונטי. Golden Hill Apartments זעצט פאר די אונטערנעמונג און ערגענצט גאווערנער Hochul's (האקול) 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע האוזינג פלאן וואס איז אויף די רעלסן צו בויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפּאַרדעבעל היימער אריבער די סטעיט.

"Golden Hill Apartments איז אן אמביציעזע פולשטענדיגע איבעראַרבעט פון א פלאץ וואס איז אמאל געווען א פארלאזטע טורמע צו ווערן א לעבהאפטיגע, מאדערנע קאמיוניטי פון מערערע דורות וואס הייבט אויף פאמיליעס, עלטערע מענטשן און די וועלכע זענען אויסגעשטאנען היימלאזיגקייט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיר ווייסן אז די האדסאן וואלי נויטיגט זיך אין מער אפּאַרדעבעל און שטיצנדע היימער, און מיר מאכן זיכער אז מיר באנוצן זיך מיט יעדע מיטל וואס שטייט אונז צום האנט ווען עס קומט צו מאכן מער היימער פאר איינוואוינער פאר א רעאליטעט. מיט די היינטיגע אנאנסירונג, ברענגט אונז Golden Hills איין טריט נאענטער צו אונזער ציהל פון בויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפּאַרדעבעל היימער אריבער ניו יארק און צו בויען א מער אפּאַרדעבעל, גערעכטע צוקונפט."

אלע אפארטמענטס ביי Golden Hill זענען גענוג ביליג פאר הויזגעזינדער וואס פארדינען 80 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט. די דעוועלאפמענט רעכנט אריין צוויי אפארטמענט געביידעס פון א מיטלמעסיגע הייעך, פיר טאון היימער און א צענטראלע קאמיוניטי געביידע. עס האט א געמיש פון יוניטס מיט איין, צוויי און דריי שלאף צימערן. נאענט צו האלב פון די

אפּאַרטמענטס ווערן געהאלטן פאר הויזגעזינדער מיט עלטערע מענטשן פון 62 יאר און עלטער. אכט און פערציג אפּאַרטמענטס ווערן געהאלטן פאר הויזגעזינדער וועלכע זענען באַרעכטיגט פאר אויפן-אָרטיגע שטיצע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג פאמיליעס וועלכע מוטשענען זיך מיט היימלאזיגקייט.

א סעריע פון דרויסנדיגע שטחים מיט לענדסקעיפינג פארבינדט די געביידעס צוזאמען מיט פינף שפיל ערטער צוגעפאסט פאר קינדער פון פארשידענע עלטערס, א פלאנצונגען גארטן, א דרויסנדיגע צוזאמקום פלאץ און א טרעיל ארומגענומען מיטביימער מיט א פארבינדונג צו די דערנעבנדע 'עמפייער סטעיט טרעיל'. אט נייע קאמיוניטי צענטער איז אויך געשאפן געווארן וואס וועט קומען מיט א דזשים, קאמיוניטי טעראסע און א טשיילד קעיר צענטער אפן פאר די פובליקום. Ulster County Area Transit וועט אוועקשטעלן א נייע באס סטאנציע פאר די פראפערטי שפעטער דאס יאר, צושטעלנדיג באקוועמע פובליק טראנספארטאציע אפציעס פאר איינוואוינער און באזיכער.

אונטער די פירערשאפט פון דאן-קאונטי עקזעקיוטיוו און יעצטיגער קאנגרעסמאן Pat Ryan (פעט רייען) — האט אָלסטער קאונטי'ס 2021 'האוזינג אקציע פלאן' (Housing Action Plan) אנגעדייטעט אויף די איבערבויאונג פון די אָלסטער קאונטי טורמע אלס א וויכטיגע טריט צו אדרעסירן די קאונטי'ס וואקסנדע אפּאָרדעבעל האוזינג באדערפענישן. דער פראיעקט ערגענצט די סטעיט'ס 500 מיליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונגען קאסע, אנאנסירט אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, צו בויען היימער אויף פראפערטיס אין סטעיט רעגירונג אייגנטום, אריינרעכענענדיג געוועזענע טורמעס. עס זענען דא מערערע קאמיוניטי, לאקאלע רעגירונג און געזונטהייט סערוויסעס אין די געגנט, אריינרעכענענדיג די אָלסטער קאונטי העלט דעפּאַרטמענט, די Boys & Girls Club of Ulster County, א פאסט אפיס, ריהעב צענטער און עטליכע פארמאסיס. די לאקאציע איז נעבן די שטאט-צענטער פון קינגסטאן וואס איז לעצטנס איבערגעבויט געווארן אלס טייל פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative) מיט פארשענערטע געסער און פארבעסערטע פובליק טראנספארטאציע.

Golden Hill Apartments איז א פולשטענדיג-עלעקטרישע דעוועלאפמענט. יעדע געביידע האט סאלאר פאנעלן אינסטאלירט אויפן דאך וועלכע טרייבן אויף אומגעפער 700 kWp פון באנייבארע ענערגיע אלע צוזאמען. דער פראיעקט ווערט געבויט נוצנדיג גרינע סטאנדארטן, אריינרעכענענדיג ענערגיע-שפארזאמע אפּלייענסעס, מאקסימיזירן די בענעפיטן פון ארײנלאזן מער היץ פון די זון אין די ווינטער און מאכן שאטן פון די זון אין די זומער, ענערגיע-שפארנדע פענסטער און ענערגיע-אפכאפנדע סיסטעמען פאר הייצונג און קילונג פון די אינעווייניגע לופט.

Pennrose און Family of Woodstock זענען די דעוועלאפערס פון דעם פראיעקט. Family of Woodstock שטעלט אויך צו די אויפן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס ווי צום ביישפיל קעיס מענעדזשמענט און קעיר קאארדינאציע סערוויסעס, קריזיס אינטערווענץ און פינאנציעלע קאונסעלינג. די דעוועלאפּמענט רעכנט אויך אריין יוניטס וועלכע זענען צוגענגליך און אויסגעשטאט ספעציעל פאר מענטשן מיט באוועגונג באגרעניצונגען, און אזוי אויך הער-קראפט און זעה-קראפט באגרעניצונגען.

HCR הלוואות פינאנצירונג פאר Golden Hill Apartments רעכענען אריין פעדעראלע און סטעיט טעקס קרעדיט פראגראמען וועלכע האבן אויפגעטריבן אומגעפער 41 מיליאן דאלאר פון אינוועסטירער, 6.5 מיליאן דאלאר אין באנדס וועלכע זענען פערמאנענט פטור פון טעקס און אן 18.7 מיליאן דאלאר סובסידיע. די דעוועלאפּמענט האט באקומען א $902,000 גרענט דורך HCR'ס ריינע ענערגיע אינציאטיוו (Clean Energy Initiative) פראגראם, געשאפן בשותפות מיט די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority). די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance) האט צוגעשטעלט א 15 מיליאן דאלארדיגע הלוואה פון איר היימלאזע

האוזינג און הילף פראגראם (Homeless Housing and Assistance Program), און זי שטעלט אויך צו פינאנצירונג פאר די אנגייענדע אפעראציעס פון די שטיצנדע יוניטס דורך די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אינציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative).

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) האט צוגעטיילט 10 מיליאן דאלאר אין די ערשטע רונד פון איר Mid-Hudson Momentum Fund, אן אינציאטיוו וואס איז אויסגעשטעלט צו פארשטערקערן די האוזינג מארקעט אין דעם ראיאן דורך שטיצע פאר פארשידנארטיגע פראיעקטן אריינרעכענענדיג לעבהאפטיגע דעוועלאפמענטס פאר אויסגעמישטע צוועקן; טראנספארטאציע-אריענטירטע האוזינג נעבן גרויסע רייזע צענטערן; און קריטישע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען וועלכע ערמעגליכן צוקונפטיגע האוזינג וואוקס. די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation) האט צוגעשטעלט א 1.68 מיליאן דאלארדיגע גרענט פאר די סאלאר עלעקטריציטעט סיסטעם דורך איר קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס (Climate Smart Communities) גרענט פראגראם.

די Federal Home Loan Bank of New York האט געגעבן אן אפאָרדעבעל האוזינג פראגראם אלגעמיינע קאסע (Affordable Housing Program General Fund) סאָבסידי פאר די Family of Woodstock אין די סומע פון אומגעפער 1.5 מיליאן דאלאר. אָלסטער קאונטי האט צוגעטיילט 1.5 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פון דעם 'אמעריקאנער רעטונג פלאן געזעץ' (American Rescue Plan Act) צו אראפוואָרפן די געוועזענע טורמע סטרוקטורן. פאראייניגטע שטאטן סענאטארשע Kirsten Gillibrand (קירסטען דזשיליבראנד) און פאראייניגטע שטאטן קאנגרעסמאן Patrick Ryan (פעטריק רייען) האבן צוגעטיילט 1 מיליאן דאלאר פאר דעם Golden Hill Apartments פראיעקט פון די פיסקאלע יאר 2024 טראנספארטאציע, האוזינג און שטאטישע אנטוויקלונג און פארבינדענע אגענטורן צוטיילונגען (Transportation, Housing and Urban Development and Related Agencies Appropriations) ביל. די סיטי אָוו קינגסטאן האט געגעבן אן אפמאך פון באצאלונג אנשטאט שטייערן (Payment in Lieu of Taxes, PILOT) פאר א סומע פון $620 פער יוניט און $18,000 פער יאר אלס א 'קאמיוניטי ווירקונג באצאלונג' (Community Impact Fee) מיט יערליכע העכערונגען פאר די לענג פון די קאמיוניטי ווירקונג באצאלונג און PILOT אפמאכן.

**ניו יארק סטעיט האוזינג קאמישאנער, RuthAnne Visnauskas (רוט-ען וויסנאָסקעס), האט געזאגט,** "HCR איז שטאלץ צו האבן געשפילט א ראלע ביים פארוואנדלען די פראפערטי פון א פינסטערע לעבנסלאזע געוועזענע טורמע אין א מאדערנע, שטאנדהאפטיגע, אפאָרדעבעל אפארטמענט קאמפלעקס וואס וועט זיין א היים צו מער פון 160 הויזגעזינדער. אונזער אינוועסטירונג אין Golden Hill Apartments זעצט פאר אונזערע באמיאונגען צו זיכער מאכן אז איינוואוינער פון יעדע עלטער האבן צוטריט צו די האוזינג און שטיצע סערוויסעס וועלכע זיי דארפן צו בליהען, און עס בויט ארויף אויף אונזער ארבעט אין אָלסטער קאונטי וואו מיר האבן געבויט אדער פרעזערווירט מער פון 1,100 אפאָרדעבעל היימער איבער די פארגאנגענע פינף יאר."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער, Barbara C. Guinn (בארבארע סי. גווין), האט געזאגט,** "שטיצנדע האוזינג איז א קריטישע און אויפגעוויזענע כלי ביים העלפן סטאביליזירן די לעבנס פון מענטשן וואס זענען אריבער היימלאזיגקייט. די עפענונג פון Golden Hill Apartments אין די סיטי אָוו קינגסטאן שטעלט צו פאר איינוואוינער וועלכע גייען אריבער- אדער זענען אין סכנה פון היימלאזיגקייט סטאבילע, אפאָרדעבעל היימער און אויפן-ארטיגע צוטריט צו קריטישע שטיצע סערוויסעס וועלכע וועלן זיי העלפן בלייבן מיט א דאך איבערן קאפ, לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט און בליהען אין זייער קאמיוניטי. אונזער אגענטור איז שטאלץ צו זיין א שותף אין דעם וויכטיגן קאמיוניטי פראיעקט, און מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן מאכן היסטארישע

אינוועסטירונגען צו אויסברייטערן די סופליי פון פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג אריבער ניו יארק סטעיט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָופ נייט), האט געזאגט,** "אפאָרדעבעל האוזינג שטיצט די מעגליכקייט פון די ארבעטסקראפט צו וואוינען נעבן דזשאבס, ציהט צו ביזנעסער און טרייבט אויף די עקאנאמישע אקטיוויטעט וואס האלט ניו יארק בליהענד. די Mid-Hudson Momentum Fund שפיגלט אפ אונזער פארפליכטונג צו ארויסברענגען די פולע האוזינג פאטענציאל פון דעם ראיאן און בויען די אינפראסטרוקטור וואס וועט אונטערטרייבן שטאנדהאפטיגע עקאנאמישע וואוקס און געלעגנהייט. די Golden Hill Apartments זענען די לעצטע ביישפיל פון וויאזוי אונזערע סטראטעגישע האוזינג אינוועסטירונגען טוהען טרייבן עקאנאמישע שטארקייט אין ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, Doreen M. Harris (דאָרין מ. העריס), האט געזאגט,** "Golden Hill Apartments איז א גאר שפארזאמע אפאָרדעבעל קאמפלעקס וואס וועט פארבעסערן די לעבנס פון איינוואוינער בשעת'ן העלפן שאפן א ריינערע קאמיוניטי. בויען האוזינג וואס ערפילט די געברויכן פון אלע ניו יארקער איז א הויפט פריאריטעט פאר גאווערנער Hochul (האקול), און פראיעקטן פון די סארט, וועלכע אינוועסטירן צוריק אין אונזערע געגנטער, זעצן פאר צו אויסברייטערן ניו יארק סטעיט'ס ריינע ענערגיע עקאנאמיע."

**MHREDC פארזיצער, Dr. Marsha Gordon (דר. מארשא גארדאן) און Dr. Kristine Young (דר. קריסטין יאָנג), האבן געזאגט,** "דער פראיעקט שפיגלט אפ די ערפינדערישע גייסט פון דעם מיד-האדסאן ראיאן און אונזער אנטשלאסנקייט צו לייזן לאקאלע שוועריגקייטן מיט שעפערישע לייזונגען. דורכן פארוואנדלען א פארלאזטע טורמע לאקאציע אין א לעבהאפטיגע קאמיוניטי פון מערערע דורות, ווייזט Golden Hill וויאזוי מיר קענען פונדאסניי איבערמאכן נישט אויסגענוצטע פראפערטיס צו ערפילן קריטישע האוזינג באדערפענישן. די דעוועלאפמענט שטרייכט אונטער וויאזוי ראיאנישע שותפות'ן קענען פארוואנדלען א מיטגעטיילטע חזון אין ממשיות'דיגע רעזולטאטן וועלכע בארייכערן די קוואליטעט פון לעבן אין קינגסטאן און ווייטער."

**קאנגרעסמאן Pat Ryan (פעט רייען) האט געזאגט,** "איך הער דאס פון מענטשן יעדן טאג — קאסטן, ספעציפיש האוזינג קאסטן, זענען פיל צו הויעך. עלטערע מענטשן אריבער אונזערע קאמיוניטיס זענען אונטער געוואלדיגע דרוק פרובירנדיג צו באצאלן זייערע בילס, און צופיל שווער ארבעטנדע מענטשן קענען זיך נישט ערלויבן אנשטענדיגע האוזינג אין די קאמיוניטיס וואו זיי ארבעטן. און דערפאר בין איך געשטאנען אין שפיץ פון דעם Golden Hill Apartments פראיעקט אלס אָלסטער קאונטי עקזעקיוטיוו, און דערפאר בין איך אזוי שטאלץ עס צו זעהן זיך אפיציעלע עפענענדיג היינט. מיר זענען אין א פולשטענדיגע קריזיס, און מיר דארפן נעמען אויף זיך א צוגאנג וואס באנוצט זיך מיט אלע מעגליכע מיטלען דאס צו אדרעסירן. איך בין געוואלדיג שטאלץ אז Golden Hill Apartments עפנט זיך אפיציעל, און איך בין דאנקבאר פאר אָלסטער קאונטי עקזעקיוטיוו Jen Metzger (דזשען מעצגער) פארן פארזעצן צו פאראויס שטופן דעם וויכטיגן פראיעקט. דאס איז א ריזיגע טריט פאראויס פאר אונזער אָלסטער קאמיוניטי — מיר דארפן אנהאלטן די שוואונג. קיין איין פאמיליע טאר נישט איבערגעלאזט ווערן צו דארפן אויסוועהלן צווישן שטעלן עסנווארג אויפן טיש און צווישן א דאך איבערן קאפ — איך וועל פארזעצן צו קעמפן יעדן טאג צו אראפברענגען האוזינג קאסטן."

**סענאטאר Chuck Schumer (טשאָק שומער) האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדע פאמיליע אין קינגסטאן צו האבן א זיכערע און אפאָרדעבעל פלאץ צו פאררופן א היים. איך בין שטאלץ אז די פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט, וואס איך האב שווער געארבעט צו באשיצן און אויסברייטערן, און די אמעריקאנער רעטונג פלאן וואס איך האב געפירט צו אריבערגעפירט ווערן אין די

סענאט האבן אהערגעשטעלט מיליאנען צו פארוואנדלען א געוועזענע טורמע לאקאציע אין מער פון 160 נייע היימער. הויכע האוזינג קאסטן זענען א הויפט טרייב קראפט פון אינפלאציע, און דערפאר מוזן מיר בויען מער האוזינג פאר ארבעטנדע מענטשן כדי צו אראפברענגען די הויכע פרייזן. איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול)'ס ארבעט צו פארמערן צוטריט צו האוזינג פאר ארבעטנדע פאמיליעס אין אָלסטער קאונטי און אריבער די האדסאן וואלי, און איך וועל פארזעצן צו ארבעטן צו אהערשטעלן פעדעראלע מיטלען צו ברענגען מער אפאָרדעבעל האוזינג אריבער ניו יארק."

**סענאטארשע Kirsten Gillibrand (קירסטען דזשיליבראנד) האט געזאגט,** "צוטריט צו אפאָרדעבעל האוזינג דארף זיין גאראנטירט פאר יעדן ניו יארקער. Golden Hill Apartments וועט צושטעלן פאר עלטערע מענטשן און פאמיליעס אין קינגסטאן זיכערע היימער, קריטישע שטיצע סערוויסעס און א באנייטע געפיהל פון קאמיוניטי. איך בין שטאלץ צו האבן אהערגעשטעלט געלטער וועלכע האבן ערמעגליכט דעם פראיעקט צו אויסגעפירט ווערן, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן אז פעדעראלע מיטלען זעצן פאר צו שטיצן פראיעקטן פון די סארט אין יעדע ווינקל פון אונזער סטעיט."

**סטעיט סענאטארשע Michelle Hinchey (מישעל הינטשי) האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון Golden Hill Apartments צייכנט אפ א וויכטיגע דערגרייכונג אין אָלסטער קאונטי'ס פארשריט ביים אדרעסירן די האוזינג קריזיס. די דעוועלאפמענט איז א מאדעל פאר צוקונפטיגע אפאָרדעבעל האוזינג און ווייזט ארויס די כוח פון צוזאמענארבעט צווישן יעדע שטאפל פון רעגירונג און מיט די פריוואטע סעקטאר ביים ערפילן די געברויכן פון אונזער קאמיוניטי. איך בין שטאלץ געווען צו העלפן פארזיכערן סטעיט פינאנצירונג פאר Golden Hill, און איך באדאנק מיינע פריינט און שותפים אין אָלסטער קאונטי רעגירונג, Pennrose און Family of Woodstock פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו מאכן דעם פראיעקט פאר א רעאליטעט."

**סיטי אָוו קינגסטאן מעיאר Steve Noble (סטיוו נאָובעל) האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו האבן א גענצליך-נייע אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט מיט 164 יוניטס זיך עפענענדיג אין קינגסטאן. איך וויל באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) און קאמישאנער Visnauskas (וויסנאָסקעס) פאר זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו שטיצן קינגסטאן'ס האוזינג באמיאונגען, העלפנדיג אונז ערפילן אונזערע אמביציעזע האוזינג ציהלן. די שותפות צווישן Pennrose, Family of Woodstock און אָלסטער קאונטי האט ערלויבט די געוועזענע טורמע לאקאציע צו ווערן א היים פאר עלטערע מענטשן און פאמיליעס וועלכע וועלן יעצט קענען פארבלייבן אין זייער קאמיוניטי. די 'גרינע' געביטן פון דעם פראיעקט מאכן עס פאר א שיינענדע ביישפיל פאר אנדערע ענליכע אונטערנעמונגען. איך קוק ארויס צו פארזעצן די ארבעט מיט אלע אונזערע שותפים צו אויספירן מער פראיעקטן פון די סארט."

**Pennrose פרעזידענט פאר לאנד איינקויפונגען, Dylan Salmons (דילען סאלמאנס), האט געזאגט,** "עס איז אן עהרע צו העלפן פאראויס שטופן גאווערנער Hochul (האקול) און NYSHCR'ס פלענער צו באדייטנד פארבעסערן צוטריט צו אפאָרדעבעל האוזינג אריבער ניו יארק סטעיט. Golden Hill ווייזט ארויס וויאזוי די רעגירונג און פריוואטע סעקטארן קענען ארבעטן צוזאמען צו דורכפירן באדייטפולע האוזינג לייזונגען — פארוואנדלענדיג א נישט אויסגענוצטע שטח אין ענערגיע-שפארזאמע האוזינג פאר מערערע דורות מיט אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס, פארבינדענע קאמיוניטי מיטלען און צוגעפאסטע איינריכטונגען."

**Family of Woodstock עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Michael Berg (מייקעל בערג), האט געזאגט,** "אָלסטער קאונטי ראנגלט זיך מיט א קריטישע אפאָרדעבעל האוזינג מאנגל. די פראבלעם שטאמט פון די פאקט אז האוזינג וואס איז געבויט געווארן דורכאויס די פארגאנגענע 20 יאר איז נישט געווען פאסיג פאר די איינקונפט שטאפלען פון קאונטי איינוואוינער. דער Golden Hill פראיעקט איז באזונדערס

וויכטיג ווייל עס איז די ערשטע ארבעטסקראפט האוזינג געבויט ספעציפיש צו אדרעסירן די געברויכן פון די לאקאלע באפעלקערונג."

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**
גאווערנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער אפאָרדעבעל און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפסטעיט קאמיוניטיס, אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער. ארויפבויענדיג אויף די פארפליכטונג, רעכנט די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026 אריין מער פון 1.5 ביליאן דאלאר אין נייע סטעיט פינאנצירונג פאר האוזינג, א פראבע פראגראם פון 'האוזינג צוטריט וואַוטשערס' (Housing Access Vouchers) און נייע פאליסיס צו פארמערן אפארדעביליטי פאר טענאנטס און מענטשן וואס קויפן א היים. די מאסנאמען ערגענצן די גאווערנער'ס פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן, וואס איז אריינגערעכנט געווארן אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען און אזוי אויך צו אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט. מער פון 68,000 היימער זענען שוין געבויט אדער פרעזערווירט געווארן ביז היינט.

די דורכגעפירטע בודזשעטס פאר פיסקאלע יאר 2025 און 2026 האבן אויך פארשטערקערט די גאווערנער'ס האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי (Pro-Housing Community) פראגראם — וואס ערלויבט פאר סערטיפייד לאקאליטעטן צו באקומען אויסשליסליכע צוטריט צו ביז אזויפיל ווי 750 מיליאן דאלאר אין געלטער אויף וואס די סטעיט רעגירונג פארטיילט לויט איר שיקול הדעת. שטייענדיג היינט, זענען מער פון 370 קאמיוניטיס שוין סערטיפייד געווארן אלס האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס, אריינרעכענענדיג די סיטי אָוו קינגסטאן.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן